**גוט שבת אלע אידן.** *המשך פון פאריגע וואך...* ווען די דייטשע ימ"ש האבן איינגענומען בודאפעסט, האבן זיי געהייסן אז די אונגארישע זאלן מאכן א ספעציעלע פאליציי צו היטן די בנינים פון די רעגירונגען, וואס זענען געווען פריינדלעך מיט דייטשלאנד, למשל אסטרייך און איטליא. די ספעציעלע פאליציי האט געהייסן די "קישקעט." ר' שמאי און זיינען אידישע חברים האבן זיך פארשטעלט פאר גוים און זיי האבן געדינט אין דעם קישקעט. דורך דעם האבן זיי געקענט ראטעווען נאך אסאך אידן.

איין טאג האט ר' שמאי'ס פרוי געזאגט צו אים אז איר מאמע און פעטער זענען ליידער געכאפט געווארן דורך די דייטשע, ימ"ש. ר' שמאי האט געטראכט ווי אזוי צו ראטעווען זיי, פלוצלינג האט ער זיך דערמאנט אז דער אסטרייכער קונסול איז אוועקגעפארן פון בודאפעסט אפאר טעג. מיט דער ידיעה, האט ר' שמאי געמאכט א פלאן.

שפעטער אין דעם זעלבען טאג איז ער געפארן מיט א "קישקעט" קאר צום לאגער וואו מען האט געהאלטן די שוויגער און איר ברודער. יעדער איינער וואס האט געקענט דער אסטרייכער קונסול וואלט געוואוסט אז דער מענטש וואס איז ארויסגעקומען פונעם קישקעט קאר איז נישט געווען דער קונסול, נאר עס איז געווען ר' שמאי דאווידאוויטש!

"איך בין דער קונסול פון אסטרייך!" האט ר' שמאי געזאגט אין פליסיגע אסטרייכאישען דייטש צום סאלדאט וואס איז געשטאנען לעבן דעם ארייגאנג פונעם לאגער. ר' שמאי האט געזאגט צום סאלדאט אז ער האט אחריות נישט נאר אויף מענטשן פון אסטרייך אבער אויך פון שווייץ. און די דייטשע האבן געמאכט א טעות ווייל זיי האבן איינגעשפארט צוויי שווייצע בירגערס, א מאן און א פרוי. ר' שמאי האט געוויזן צוויי סעט פון (פאלשע) פאפירען, פאר א מאן און פרוי.

דער סאלדאט האט אים געזאגט אז ר' שמאי האט געמאכט א טעות, ד"ה עס זענען נישט געווען קיין שווייצע בירגערס אין יענעם לאגער. ווען ער איז ארומגעגאנגען אין דעם לאגער, האבן אנדערע אידן געקוקט אויף אים און געזאגט, "מיר זענען אויך פון שווייץ, ראטעווע אונז!" אבער, לײדער האט ער נישט געקענט ראטעווען יעדען איינעם. אינעווייניג אין לאגער האט ר' שמאי טאקע געטראפן זיין שוויגער און פעטער, און ער האט זיי ארויסגענומען און אוועקגעפירט אין דעם קישקעט קאר.

איינע פון די וועגן ווי אזוי ר' שמאי האט זיך באהאלטן דורך די מלחמה יארן איז געווען אלס א גלח. ר' שמאי איז ארומגעגאנגען מיט דעם קלייד פון א גלח. ער האט באזוכט דערפלעך און לאגערן. ער האט אזוי שטארק מצליח געווען אז אפילו גוים זענען געקומען צו אים פאר עצות, וכו'! אלעס האט ער געטון לשם שמים צו ראטעווען אידישע נשמות פון שמד, ל"ע.

ארומגייענדיג אלס גלח האט ער צוזאמענגענומען אידישע קינדער כדי זיי אריינצוברענגען אין זיין "קלויסטער." ער האט זיי געגעבן פאפירען פאר די קינדער כדי זיי זאלן זיך אויך פארשטעלן אלס גוים. יארן שפעטער נאך די מלחמה האט ר' שמאי געטראפן אין ארץ ישראל איינעם פון די בחורים וואס ער האט געראטעוועט אין די מלחמה טעג, און יענער בחור איז ב"ה געבליבן אן ערליכער איד.

איין טאג, באלד פאר די מלחמה האט זיך געענדיגט, איז ר' שמאי ארומגעגאנגען אין א געוויסע לאגער אין זיין גלח'אישע קליידער. ער איז געגאנגען לעבן די איינגעשפארטע האלב-טויטע אידן דארט, השם ירחם. פלוצלינג האט אים דערקענט א שכן פון דאנילאוו, זיין געבארטסשטאט. "שמאי, שמאי!" האט יענער געשריגן איבערגענומען מיט גרויס שמחה. ר' שמאי האט געוויזן צו יענעם אז ער זאל אויפהערן, ווייל פארשטייט זיך איז עס געווען א גרויסע סכנה. קיינער האט דאך נישט געוואוסט אז ער איז איד! ער איז ארומגעגאנגען אזוי ווי א קאטולישער גלח! אבער עס איז געווען צו שפעט, זיין אנשטעל איז אנטפלעקט געווארן.

די דייטשע האבן אנגעכאפט ר' שמאי און זיי האבן אים געשלאגן און געפייניגט. זיין קערפער האבן די רשעים געווארפן אויף א בארג פון אנדערע קרבנות. אבער מיט נסים האט ער אוועקגעקראכן פון דער מתים. "לא אמות כי אחיה ואספר מעשי קה!"

דער אייבערשטער האט אים געגעבן כח און ער איז אנטלאפן פון דארט און ער האט ב"ה איבערגעלעבט די מלחמה. ער האט געראטעוועט הונדערטע אידן!

נאך די מלחמה איז ר' שמאי געגאנגען מיט זיין רביצן און קינדער וואוינען אין ארץ ישראל. דעמאלט האט ער געקענט אוועקווארפן אלע זיינע פארשטעלונגען כדי צו לעבן ווי אן עכטער איד.

דער עיקר שמחה פון חנוכה איז דער שמחה פון "שלא עשני גוי". ווייל אסאך רשעים דורך די דורות האבן אטאקירט דעם אידישן גוף, אבער די יוונים האבן פרובירט אויסצומעקן די אידישע נשמה. די יוונים האבן פרובירט צו טוישן אידישקייט פאר גוי'שקייט. וועגן דעם, איז דער עיקר שמחה פון חנוכה דער שמחה פון "שלא עשני גוי".

זאגט דער רמב"ם ז"ל, "מצוות נר חנוכה, מצוה חביבה עד מאוד." די מצוה פון חנוכה לעכט איז זייער א באליבטע מצוה. (זמנים ד, יב) דורך פרייען זיך אין חנוכה די שמחה פון "שלא עשני גוי," קענען מיר אלע שפירן די השפעות טובות וואס קומען אראפ אין די הייליגע טעג. **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: לע"נ ר' יצחק בן ר' שמעון ע"ה :: נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)